# השגחה פרטית

וואונדערליכע 'השגחה פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף דער השגחה פרטית האטליין

מכון שער הבטחון
פותחים שער לחיים שלווים

יו"ט סוכות תשפ"ה ◆ עלון מס': 149

## דברים שבלב

אויסצוגן פון די שיעורים אין 'שער הבטחון' פון ספר חובת הלבבות

### באשעפער טוה מיט מיר ווי דו פארשטייסט

וואס טוט א איד ווען ער געפינט זיך אין א שרעקעדיגע וואלד. ער איז ארומגענומען מיט פארצוקענדע חיות? ער ווייסט אז די וואלד איז פול מיט רויבער. ער האט זיך דא פארבלאנדזשעט. ער ווייסט נישט ווי אזוי מען גייט פון דא ווייטער.

א איד הייבט אויף די אויגן צום הימל און בעט זיך איין ביים כל יכול אז ער זאל זיך מרחם זיין אויף אים.

עס וויל זיך דאווענען, אבער די קאפ איז נישט אויפ'ן פלאץ - וואס טוט ער אין אזא פאל?

חז"ל האבן מתקן געווען קורצע תפילות ווען א איד איז אין אן עת צרה און זיין קאפ איז נישט אויפ'ן פלאץ.

איינס פון די תפילות ברענגט אראפ דער רמב"ם אין זיין ספר היד החזקה (אהבה, סוף פרק ד'). דער נוסח פון דער רמב"ם איז די ברכה: יהי רצון מלפניך ה' אלוקינו שתתן לכל אחד ואחד כדי פרנסתו, ולכל גויה וגויה די מחסורה והטוב בעיניך עשה, ברוך... שומע תפילה.

דער כסף משנה אויפ'ן ארט שמועסט אויס די ווערטער 'והטוב בעיניך עשה'.

מען בעט ביי הקב"ה ער זאל טון וואס עס זעט אים אויס גוט, ווייל נאר ער ווייסט וואס איז גוט פאר א איד.

עס איז דא זאכן וואס מיט די מענטשליכע אויגן זעט עס אויס גוט, אבער באמת איז עס נישט גוט, דא בעט מען פון הקב"ה אז וואס עס איז גוט אין זיינע אויגן זאל ער טון - נישט וואס עס איז גוט פאר אונז.

עס איז נישט א גרינגע בקשה. קעגן דעם רבוש"ע זענען מיר געגליכן צו קליינע קינדער. ווען א קליין קינד זעט א זיסע זאך וויל ער עסן, אבער אויב דער טאטע ווייסט אז דאס קינד ליידט פון אן אלערגיע און אויב ער וועט עסן די זאך וועט ער אריינגיין אין א סכנה - האלט ער אפ דאס קינד פון עס עסן.

דאס קינד שרייט און קוויטשעט. ער פארפירט אן אויפהער, דער טאטע מוז זיין שטארק, ווייל ער ווייסט דעם אמת, אז די זאך איז נישט גוט פאר'ן קינד.

ווען דאס קינד וואקסט אונטער, ער פארשטייט שוין אז די זאך איז מסוכן, דרייט זיך איבער די יוצרות. ער בעט פאר זיינע עלטערן אז מען זאל אים זאגן צי אין די עסן איז נישט דא קיין זאכן וואס איז שעדליך פאר אים - ווייל ער האט מורא פון די סכנה.

אזא בליק איז א בליק פון אן ערוואקסענער און דאס דארף זיין אונזער בליק. אסאך מאל ווילן מיר עפעס און מיר ווילן עס זייער שטארק אבער הקב"ה ווייסט אז דאס טויג נישט פאר אונז און ער געבט אונז עס נישט.

די הבנה האט נאר א איד. א גוי האט עס נישט. דער גוי לעבט פאר יעצט און וויל וואס זיינע אויגן זעען יעצט.

מען טרעפט אז יצחק אבינו האט געגעבן די ברכה'ס פאר יעקב און פאר עשו. ביי די ברכות פאר יעקב האט ער געזאגט 'ויתן לך אלוקים'. מיר ווייסן דער זאך אז 'אלוקים' איז מרמז אויף מידת הדין, נאר דאס האט יצחק אבינו אינזינען געהאט, אז הקב"ה זאל אים בענטשן מיט מידת הדין, נאר אויב זיי זענען ראוי.

מיר ווייסן אז חז"ל זאגן אז די ברכות פון יצחק אבינו איז נאכנישט מקויים געווארן און אז א טייל פון איר וועט מקויים ווערן ווען משיח וועט קומען, ווייל כלל ישראל איז נאכנישט ראוי דערצו.

דאגעגן ווען עשו הרשע איז אריינגעקומען און יעקב אבינו האט געשפירט ווי די גיהנם קומט מיט אים האט ער אים געבענטשט מיט מידת הרחמים אז ער זאל אייביג האבן - ווייל די אמת'ע טובה איז נאר ווען עס קומט ווען עס דארף קומען נישט ווען עס קומט אייביג.

די זעלבע בחינה איז אויך דא ביי שלמה המלך. ביי די חנוכת הבית פון דער בית המקדש האט שלמה המלך מחלק געווען די תפילה. ער האט געבעטן אז דער איד זאל געענטפערט ווערן נאר ווען עס איז גוט פאר אים, און ווי עס איז דארט דער לשון הפסוק "כי אתה ידעת לבדך את לבב כל בני האדם", און ער פירט אויס "למען ייראוך כל הימים" אז די גוטס איז נאר גוט ווען עס איז אמת'דיג גוט פאר אים.

דאגעגן האט שלמה המלך געבעטן אז אלעמאל ווען א גוי קומט מתפלל זיין זאל ער באקומען וואס ער דארף.

מיר זענען אידן. די הנהגה צו אונז איז א ספעציעלע. מיר האבן די פליכט פון אמונה אז אויך ווען עס גייט נישט ווי עס דארף צו גיין גלייבן מיר אין הקב"ה אז דאס איז גוט, דאס איז א גרויסער כח, וואס נאר א איד האט און אין דעם זכות וועלן מיר זוכה זיין צו גרויסע ישועות און צו די גאולה און צו א יאר פון כתיבה וחתימה טובה.

**(ארויסגענומען פון שיעור 370)**

**די שיעורים ווערט ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך - מען קען עס הערן ביי נומער 4** [נאכן אויסוועלן די שפראך וואס איר ווילט הערן]

## די וועכענטליכע השגחה

### מיר געוואוינען זיך נישט צו!

גייט זיך א מענטש אין מדבר און זעט א קליין קינד ליגט אויף די ערד און וויינט.

וואס איז געשען? עס שטעלט זיך ארויס אז זיינע עלטערן האבן אים דארט אראפגעווארפן און איבערגעלאזט אליין.

א שטיק צייט שפעטער גייט אריבער א איד און זעט די זעלבע זאך. זיין ווייכע הארץ לאזט אים נישט ווייטערגיין. ער הייבט אויף דאס קינד און נעמט אריין צו זיך אין שטוב. ביי אים אין שטוב געבט ער אים צו עסן און צו טרינקען און פיטערט אים מיט אלע זיינע געברויכן.

עטליכע יאר איז אריבער. דער זעלבער איד הערט איבער א באקאנטער וועלכער זיצט אין א גרוב ווייל דער פריץ האט אים אריינגעווארפן אהין. דער איד האט רחמנות אויף אים. ער לייגט זיך אריין פאר דעם איד'ס וועגן און רוט נישט ביז ווען ער זעט אים ארויס פון טורמע.

דער איד איז אים מורא'דיג דאנקבאר. ער לויבט אים, ער קויפט אים מתנה'ס.

איין טאג מאכט זיך דער איד א חשבון הנפש. ער האט דאך אויך געראטעוועט דאס קינד. ער האט געהאדעוועט דאס קינד ביי זיך אין שטוב לאנגע יארן.

וואו איז זיין הכרת הטוב? פארוואס דער איד וועמען ער האט ארויסגענומען פון תפיסה איז אים אזוי מכיר טובה, און דער וועמען ער האט געהאדעוועט ביי זיך אין שטוב און ער האט זיך אוועקגעגעבן פאר אים אזויפיל איז אים, אזוי שוואך מכיר טובה?

די ביידע מעשה'ס ברענגט דער חובת הלבבות אראפ אין די פתיחה פון דער שער הבחינה.

אויך ער פרעגט די קשיא און ער האט אויף דעם א שטארקער הסבר, און געבט מיט דעם צו פארשטיין פארוואס מיר זענען אזוי ווייניג מכיר טובה פאר הקב"ה.

די תשובה ליגט אין דעם 'הרגל'. ווען א מענטש געוואוינט זיך איין צו א זאך שפירט ער ווי עס איז זיין זאך און ער שפירט אז ער באקומט עפעס - עס איז דאך זיינער א זאך.

ווען מען קוקט צוריק צו דעם פארלאפענער יאר און מען מאכט א חשבון וויפיל ניסים הקב"ה האט געטון מיט אונז, וויפיל ער האט אונז געטון, שטייט מען און מען שטוינט, אבער מען דארף אכטונג געבן נישט צו ווערן צוגעוואוינט צו דעם.

אז מיר זאלן האבן א שטיקל אנונג ברענגען מיר דא אראפ די נומערן.

פון עזה האט מען געשאסן אויף אונז 20,000 מיסעלס - פון לבנון און סיריע מער ווי 9,000 פון איראן 320 מיסעלס און פון תימן 200 מיסעלס.

אז מען רעכנט אלעס צוזאמען קומט מען אן צו א סך הכל פון 30 טויזנט מיסעלס אין איין יאר, און ברוך ה' אז מיר לעבן און מיר זענען געזונט.

עס איז א טייל פון אונזער לעבן און מיר טארן זיך נישט צוגעוואוינען צו איר. לאמיר זיך איינגעוואוינען צו דאנקען הקב"ה און צו אנערקענען אין די ניסים און צו מכיר זיין אין די חסדים וואס הקב"ה טוט מיט אונז, ווייל אז מען געוואוינט זיך צו - קען מען נאך פארגעסן די גרויסע חסד.

**זאלן מיר זוכה זיין צו א גוט געבענטשטע יאר מיט אלע ברכות**
**פינחס שפר**

# ניסיך שבכל יום

## וואונדערליכע השגחה פרטית געשיכטעס דערציילט אויף די השגחה פרטית האטליין

## ביטול תורה א תיקון פאר ציין ווייטאג

ברוך ה' אז איך האב א מויל פול מיט ציינער. פון צייט צו צייט לאזן זיי זיך הערן. מיט א יאר פריער בין איך אריבער א באהאנדלונג וואו מען האט פאררעכטן די ציין.

די ציין האט זיך יענסמאל בארואיגט, אבער די וואך האט זיך עס אויפגעוועקט, ער האט זיך געלאזט הערן אויף א שטארקע פארנעם. די יסורים זענען געווען זייער שטארק. דער ציין האט מען אנגעהויבן שפירן ערב שבת און איך איז מורא אז א גאנץ שבת וועל איך ליידן ציין ווייטאג האב איך מתפלל געווען צו הקב"ה אז איך זאל זיי נישט שפירן במשך די שבת.

די ווייטאג האט זיך איינגעשטילט, אבער זונטאג אינדערפרי בין איך גלייך געגאנגען צו דעם ציין דאקטאר און ער האט עס אונטערזוכט. קוקנדיג אזוי זאגט ער מיר אז די סיטואציע מיט'ן ציין איז שרעקעדיג. עס האט זיך אריינגעכאפט א שווערע אינפעקציע אין די ציין, און עס איז נישט דא קיין אנדערע ברירה ווי ארויסצורייסן די ציין און אריינלייגן נייע ציין.

"און וואס קאסט אזא מעשה?" האב איך געוואלט וויסן נאכ'ן אויסהערן די גאנצע דרשה פון דעם דאקטאר.

"עס איז א שפיל פון כמעט פינף טויזנט שקל".

דער בלויזער הערן וויפיל עס גייט קאסטן האט מיר געגעבן א ציפ אין הארץ. איך בין א כולל יונגערמאן. אזא סומע איז מער ווי די כולל געלט וואס איך באקום, עס האט אויסגעזען אן אוממעגליכע זאך.

נישט זעענדיג פאר מיר קיין אנדערע עצה האב איך זיך מתבונן געווען וואס קען זיין די סיבה אז עס זאל מיר קומען אזא זאך. מיר ווייסן דאס אז חז"ל זאגן אז ווען עס קומט א שווערינקייט אויף א מענטש זאל ער זיך מתבונן זיין.

איך בין געקומען צו די אנערקענונג אז עס האט שייכות מיט די מויל און זיך דערמאנט אז לעצטענס בין איך אביסל נאכגעלאזן ווען עס קומט אויסצורעדן אינמיטן לערנען. איך בין זיך מערער מאל מורה היתר צו רעדן אינמיטן לערנען טראכטנדיג אז עס איז וויכטיג, אבער למעשה איז עס נישט וויכטיג, עס איז אן אויגן פארבלענדעניש, איך האב באשלאסן אז איך גיי זיך שטארקן אין די הינזיכט.

איך האב זיך געשטארקט אין דעם נושא, און אויך געבעטן ביי הקב"ה ער זאל זיך מרחם זיין אויף מיר.

עטליכע טעג שפעטער האב איך באזוכט ביי א צווייטן ציין דאקטאר. דער צווייטער דאקטאר דארף צו זיין א גרויסע מומחה. ער האט אונטערגעזוכט מיינע ציין, ער האט

## אן 'עירקאנדישן' פאר אן 'עירקאנדישן'

א גוט יאר, דא רעדט ישראל אלישיב פון די שטאט אופקים.

מיר שטיין דאך חודש אלול. אין אזא צייט זוכט יעדער איד צו פארמערן די זכותים און אויך איך האב פראבירט צו פארמערן מיינע זכותים.

אין די שול וואו כ'דאווען האט מען געעפענט א מגבית פאר עירקאנדישענס. עס איז הייס אין די שטאט און אן עירקאנדישן האט אסאך צו זאגן. ווי יעדער ווייסט איז אן עירקאנדישן נישט בלויז אן עירקאנדישן. אין א שול וואו עס איז דא לופט דאווענט זיך בעסער, די מאס ישוב הדעת איז גרעסער און יעדער וויל זוכה זיין צו די זכות.

הערנדיג איבער די קאמפיין האב איך געטראכט אז כ'גיי תורם זיין א שיינע סומע געלט. ווי אייביג פון רעדן דערוועגן ביז ווען עס ווערט למעשה נעמט א שטיק צייט, אבער ביני לביני האב איך באקומען א דערמאנונג פון הימל. אין שטוב האב איך עירקאנדישן. עס ארבעט אסאך. יענע וואך, אין א שבת, האט זיך די עירקאנדישן פארלאשן. אין אנהייב האב איך געמיינט אז עס איז א צופאל, אבער נאך שבת האב איך עס באקוקט און אנגעהויבן איינזען אז עס איז קאליע געווארן.

איך האב זיך פארבינדן מיט טעכניקער. מען האט מיר אנגעהויבן זאגן אז איך דארף זיך מעגליך איינהאנדלען א נייער מאשין. טראכטנדיג אזוי וואס איך גיי טון דערמאן איך זיך פון די קבלה. איך האב געזען אין דעם א סימן פון הימל. אויפ'ן ארט האב איך צוגעזאגט אז איך גיי מנדב זיין א גאנצע עירקאנדישן פאר די שול.

איך האב געמאכט די קבלה און אנגעקלינגען נאך א טעכניקער. הערנדיג מיין שילדערונג זאגט ער דרוק דא, טוה דאס, און עס וועט זיך אנצינדן. איך האב אים געפאלגט, און וואונדער - דער עירקאנדישן האט צוריק אנגעהויבן צו ארבעטן.

איך האב געזען בחוש אז עס איז איין עירקאנדישן קעגן די צווייטע, אז איך נעם זיך אונטער צו געבן איין מאשין קומט צוגיין די צווייטע.

## ווילסט א מפטיר? דא האסטו

עס דערציילט מיר א טייערער איד די פאלגענדע מעשה:

שוין לאנגע יארן בין איך דער גבאי אין די שול פונעם געגענט. איך פארטייל די עליות, איך שיק צו די חזנים.

דעם לעצטן שבת האב איך געהאט יארצייט נאך מיין מאמע. זייענדיג באקאנט מיט די מתפללים אין שול האב איך געוואוסט אז קיין אנדערער האט נישט יארצייט די וואך, אזוי ארום אז איך קען זיך נעמען דער מפטיר און עולה זיין לעילוי נשמתה פון מיין מאמע.

אבער אריינקומענדיג אין שול קומט א איד צו מיר און זאגט מיר אז ער האט יארצייט היינט. זעענדיג די זיכערקייט אויף זיין געזיכט האב איך באשלאסן אז איך גיי אים אוועקגעבן די מפטיר, זאל דער וויתור זיין לעילוי נשמת מיין מאמע.

איך האב עס אים אוועקגעגעבן אן זאגן אווארט. דער איד האט געדאווענט געשמאקן און איך האב זיך געפרייט צו דערפרייען א איד.

יעדע וואך נאכ'ן דאווענען געב איך א שיעור אין א צווייטער שול. אין יענער שול דאווענט מען שפעטער ווי אין די שול וואו איך דאווען. אנקומענדיג אהין פרעגט מיר דער גבאי צי איך וויל מפטיר.

איך, וויסנדיג, אז דער רב פון די שול, איז יעדע וואך עולה מפטיר, האב איך געפרעגט דער חזן די באדייט.

"איך ווייס, אבער די וואך איז ער צוגעקומען צו מיר, בעטנדיג אז די וואך וויל ער עולה זיין שלישי אנשטאט מפטיר".

דער איד פירט אויס מיט א פאסאק:

"זעסטו שוין - פון מוותר זיין דערלייגט מען נישט".

## א הילף פון הימל אנצוהאלטן מיין קבלה טובה

עס רעדט דא אהרן פון בני ברק:

איך האב א חבר וואס וואוינט אין דרום טייל ארץ ישראל. לעצטענס

## מפיצים אמונה ומחיים נפשות

עס איז דא מענטשן וואס הערן אויס אויפ'ן האטליניע דרשות. אנדערע הערן אויס מעשיות. איך צייל זיך פון די וואס הערן אויס מעשיות. די ערציילונגען בלאזט אריין אין מיר אמונה. איך וויל זיך באדאנקען פאר אייך אויפ'ן וועג ווי אזוי איר לייגט אראפ די מעשיות. לעצטענס האט איר עס געטוישט און די נייע וועג איז געשמאקער און באקוועמער פאר איר.

א דאנק פאר אייך.

## מפיצים אמונה ורואים ישועות

אין די מערכת פון 'השגחה פרטית' איז דער חודש אריינגעקומען אן אינטערעסאנטער טעלעפאן קאלל. א איד האט אריינגערופן זאגנדיג אז ער וויל הייבן זיין חודש'ליכע תרומה. מען האט עס געהויבן און זיך באדאנקט פאר אים. עס איז אריבער א שטיק צייט, און דער זעלבער איד האט צוריקגעקלינגען זאגנדיג אז ער וויל נאך אמאל הייבן זיין תרומה. ווען די זעלבע זאך האט זיך איבערגע'חזר'ט עטליכע מאל האט דער איד ערקלערט זיין מנהג זאגנדיג אז א שטיק צייט צוריק האט ער זיך גענויטיגט אין א ישועה און תורם געווען געלט פאר די מערכת און געזען א ישועה. זעענדיג אז עס ארבעט האט ער געהעכערט זיין תרומה און ער האט ווייטער געזען א ישועה. די זאך האט זיך אזוי געדרייט איינמאל נאך די אנדערע און יעדע מאל האט ער געהעכערט און געזען נאך א ישועה. יעצט גייט ער נאכאמאל העכרן אוןווארט מיט שפאנונג צו קענען דערציילן די ישועה. אז מען געבט געלט פאר פארשפרייטן אמונה זעט מען ישועות גדולות.

רעדנדיג מיט אים דערציילט ער מיר איבער א וואונדערליכע השגחה פרטית און אפענע הילף פון הימל פאר אים.

די מעשה האט פאסירט נאך דעם וואס דער בחור האט מקבל געווען אויף זיך אז ער גייט נישט אויסטון זיינע תפילין ביז ווען מען ענדיגט די גאנצע דאווענען. פאר לאנגע חדשים האט ער אנגעהאלטן די קבלה טובה, אבער איין טאג איז געקומען צוגיין א נסיון.

עס איז געווען נאך דעם וואס ער מיט זיין חבר האבן אפגעמאכט אין די בין הזמנים טעג ארויסצופארן פון זייער שטאט צו א צווייטע שטאט אין ארץ ישראל אויף אן אויספלוג. קיין איבריגע געלט פאר אזא רייזע האבן זיי נישט געהאט, און די איינציגסטע אויסוועג איז געווען צו נוצן די טראנספארטאציע סיסטעמען פון ארץ ישראל.

בלויז 2 באסעס איז דא צו יענע שטאט. איין באס איז זיבענע אינדערפרי, די צווייטע איז איינסע מיטאג. מען האט זיך געשטעלט דאווענען פרי מיט'ן הנץ, אז מען וועט קענען אניאגן די באס, אבער דער דאווענען האט זיך געשלעפט, מען האט זיך געטראפן זיבן אזייגער נאך אײדער'ן ענדיגן דאס דאווענען.

אין די פריערדיגע יארן וואלט ער אויסגעטון די תפילין און געגאנגען צו די רייזע אבער נאכ'ן מאכן די קבלה טובה האט ער באשלאסן אז ער גייט אויסווארטן ביז ווען מען ענדיגט.

מיט אים איז געווען א ברודער און א חבר. דער בחור וואס האט געהאט די קבלה האט זיי געוויזן אז זיי זאלן גיין און אז ער וועט שוין אונטערקומען. דער בחור מיט די קבלה איז געווען זיכער אז ער האט דערלייגט די רייזע. ער האט זיך געפריידט פאר זיין ברודער און זיין חבר אבער ער האט משלים געווען דאנקענדיג הקב"ה אז ער האט געקענט עומד זיין בנסיון.

ארויסגייענדיג פון שול טרעפט ער זיין חבר ווארטן דארט.

"איר זענט נישט געפארן?"

"ניין. מיר האבן נישט געוואלט פארן אן דיר".

זיי האבן באשלאסן אז אינאיינעם וועלן זיי ארויסגיין צו די באס, אפשר וועלן זיי טרעפן אן אנדערע וועג. אזוי ווארטנדיג קומט זיי דער באס אקעגן. זיי גייען ארויף אויף איר, דער דרייווער ענטשולדיגט זיך פאר זיי. "איך בין געבליבן שטעקן ביי איין סטאנציע".

דער דרייווער האט באטאנט אז עס איז קיינמאל נישט געשען ביי אים, ער ווייסט נישט וואס עס האט דא פאסירט.

מיר האבן יא געוואוסט, פון הימל האט מען אונז געוואלט ווייזן די כח פון א גוטע קבלה, אז מען העלפט עס צו פון הימל.

## די אמת'ע ווערד פון ברעטער

איך האב א סוכה וואס איז געבויט אויף רעלסן. שוין עטליכע יאר וואס איך זוך פאר איר פאסיגע ברעטער. איין טאג באמערק איך ווי מיין שכן ציט ארויס זיין פארטש, ער האט ביי זיך אן אראבער וואס ארבעט ביי אים און ער האט ביי זיך פאסיגע ברעטער וועלכע זענען אויס פאסיג פאר מיין סוכה.

"זיכער וועט איבערלייבן ברעטער", טראכט איך צו זיך.

איך האב געבעטן דעם אראבער ער זאל מיר פארקויפן די ברעטער.

"וויפיל ווילסטו פאר דעם?"

"400 שקל, און מיר האבן א דיליל".

צומארגענס בין איך געקומען צו דער בויער און אים געפרעגט צי איך קען עס קויפן, אבער דא האט ער מיר אנגעהויבן זאגן אז ער מיינט אז 400 איז צו ווייניג, ער וויל פאר דעם 500 שקל.

איך האב אנגעהויבן קווענקלען. איך האב געפרעגט באקאנטע און זיי האבן מיר שטארק אפגערעדט פון דעם, זאגנדיג אז עס איז נישט פאסיג פאר מיין סוכה און אויסערדעם איז די פרייז איבערגעטריבן - עס איז נישט ווערד אזויפיל געלט.

איך האב איינגעזען אויף צוריקצוציען אז די קעגנערשאפט פון דער בויער עס צו פארקויפן איז געווען מיין טובה - אזוי ארום בין איך ניצול געווארן פון ליידן אומזיסטע שאדן און אויך פון נישט גוטע ברעטער.

שפעטער האב איך געהערט אז דער אראבער האט געבעטן דעם טייערן פרייז, ווייל אויך ער האט געבעטן פון דעם בויער א הויכער פרייז, און נישט וועלנדיג אז דער בויער זאל טראכטן אז ער האט איבערגעצאלט האט ער געבעטן פון מיר אזא הויכע פרייז, אבער עס איז נישט בארעכטיגט אזא סומע.

געמאכט א סקען, אבער ער האט גארנישט געטראפן.

"איך דארף נישט אן אימפלענט".

"פארוואס מיינסטו אזוי? דו האסט הערליכע ציינער. אסאך אידן וואלטן זיך געווינטשן צו האבן אזעלכע ציינער".

איך האב נישט געגלייבט וואס מיינע אויערן הערן, אבער האלטנדיג פאר מיינע אויגן ביידע סקענס האב איך זיך אליין געקענט איבערצייגן און זען אז עס איז אמת.

איך האב געדאנקט הקב"ה פאר די נס און באשלאסן אז די ערשטע זאך וואס מען מוז טון איז מפרסם זיין די זאך, אז אנדערע אידן זאלן אויך וויסן פון דעם.

איך בין עס מפרסם דא, און האפענטליך וועט עס זיין א תועלת פאר אלע אידן.

## דאפעלטע געלט

דא רעדט א איד וואס וואוינט אין די דרום שטעט אין ארץ ישראל. איך וועל זיך פאַרשטעלן מיט'ן נאמען משה. די געשיכטע וואס איך גיי דא שילדערן האט פאסירט אינמיטן חודש, ווען די לבנה איז א פולע. אין יענע טעג האב איך זיך געגרייט ארייצוברענגען שבת אין שטוב אריין, אבער די שטוב איז געווען ליידיג, אין מיין באנק קאונטע איז געלעגן בלויז 300 שקל.

עס קען זיין אז עס איז רעלאטיוו א שיינע סומע, אבער נעמענדיג אין באטראכט וואס כ'דארף אלץ האבן און אז מען דארף אויסרישן א שטוב מיט געברויכן אויף שבת, איז עס קליינגעלט.

זייענדיג אין אזא סיטואציע האב איך אנגעהויבן טראכטן וואס איך גיי דא טון, ווי אזוי גער איך זיך אן עצה. א געדאנק צו שפּאָרן געלט איז אריינגעלאפן אין קאפ, אבער דאן האב איך זיך דערמאנט פון די גמרא, בני, לוו עלי ואני פורע.

איך האב באשלאסן אז איך וועל איינקויפן מיט וויפיל איך האב, איך וועל נישט קארגן און די ברכה וועט שוין אריינקומען. איך האב זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג און אנגעהויבן איינקויפן וויפיל עס פעלט זיך אויס.

נאך זייענדיג אויפ'ן וועג אהיים, קלינגט מיר אריין א איד. דער איד איז בעבר געווען איינער פון מיינע גרויסע שטיצער. ער זאגט מיר אז ער האט מיר שוין נישט אריינגעשיקט א לענגערע צייט קיין געלט, ער וויל מיר געבן געלט.

"ערשט לייג איך דיר אריין אין דיין באנק קאונטע 300 שקל".

איך האב געזען אז דער לוו עלי ואני פורע ווערט מקויים, אבער דאס איז נאר געווען דער אנהייב. דורכאויס די יאר האט ער ארייגעלייגט מערערע מאל געלט אין מיין קאונטע. אין אנהייב האט ער משלים געווען אלעס וואס ער איז מיר געווען שולדיג.

איך האב געדאנקט הקב"ה פאר די ישועה און אז איך בין געהאלפן געווארן אזוי שנעל.


## טייערע לייענער

לעת עתה ווערט אונזער גליון דאהי נאר פארשפרייט אין די אי מעיל'ס אדער אין די געדרוקטע קובצים פון די גליונות.

מיר האפן זייער שטארק אז בקרוב וועלן מיר קענען דרוקן עקסטער אונזער גליון אבער אויף דערווייל שטעלן מיר צו די מעגליכקייט איר זאלט עס קענען דרוקן פאר א מינימאלישע פרייז.

אויב ווילט איר מזכה זיין די מתפללים אין אייער בית המדרש אדער פארטיילן די רייכע גליון אין אייער געגענט

פארבינדט זיך מיט אונז

אויפ'ן נומער - 9722-6-313-742

## נעם דו אויך א חלק אין די באוועגונג אויסצושפרייטן אמונה איבער די וועלט

און זיי זוכה צו די הייליגע הבטחה פון זוה"ק

צו האבן קינדער און קינדס קינדער יראים ושלמים

**רוף יעצט אריין: 02.6313.742** אדער אין ליין פון השגחה פרטית **02.30.11.300** | דריקט 6

| העברה לבנק לאומי | משלוח בדואר | בעמדות נדרים פלוס |
|---|---|---|
| סניף 902 \| חשבון 57390056 | לת.ד. 5475 ירושלים | ע"ש השגחה פרטית |

# לשונם הזהב
## השגחה פרטית בספרים הקדושים

### די מצוה פון סוכה - איז מעורר די מידה פון בטחון

גם באמרם בפרק קמא דסוכה (ב' א') צא מדירת קבע ושב בדירת עראי, היתה כוונתם שבאה מצות סוכה זאת ללמדנו, שלא ישים אדם בטחונו בנוה ביתו, וחזוקו ותקונו הטוב, ואף כי יהיה מלא מכל טוב, ואל יבטח בסיוע שום אדם, אף על פי שיהא אדון הארץ ומושל בה, אבל ישים בטחונו במי שאמר והיה העולם, כי לו לבדו היכולת והאמונה, ובמה שמבטיח אינו מתנחם ממנו, כדכתיב לא איש א-ל ויכזב (במדבר כ"ג י"ט), ולו לבדו המחסה והמסתור, כדכתיב והבוטח בה' חסד יסובבנו (תהלים ל"ב י'). ולהעיר לאדם על זה באה מצות סוכה בזמן הזה אחר אסיפת גורן ויקב בארץ ישראל, כמו שנאמר, באספך מגרנך ומיקבך, לפי שבזמן הזה הוא זמן בעיטה לכל, שהאוצרות מלאים כל טוב, והאדם כבר נאסף לעיר ומטיח את גגו ומחזק בדק ביתו להשמר בו מזרם וממטר ומרוח ושאר פגעים, לפיכך צוה לצאת מביתו החזק וישב בסוכה, כדי שיתעורר וישים מבטחו בשם יתברך, ויתן אל לבו, כי כל הטוב שהגיע אליו מן היוצא בשדה, הכל בא לו ברצון השם, ועל זה רמזו לעשותה מפסולת גורן ויקב, לזכר זה שאסף הפירות לאכול והפסולת לסכך בתתו מטר בעתו. ויזכור, שכל שמירת גופו וכל אשר לו מאת השי"ת, ולא יבטח באשר לו...

(מנורת המאור נר ג כלל ד, חלק ו פרק א, וראה שם עוד)

### ווען מען זיצט אין סוכה - זיצט מען אין די שאטן פון אמונה

**"כָּל הָאֶזְרָח בְּיִשְׂרָאֵל יֵשְׁבוּ בַּסּוּכּוֹת", כָּל מַאן דְּאִיהוּ מִשָּׁרְשָׁא וְגִזְעָא קַדִּישָׁא דְּיִשְׂרָאֵל** [יעדער איד וואס שטאמט פון די הייליגע שורש און גזע פון כלל ישראל] **יֵשְׁבוּ בַּסֻּכֹּת, תְּחוֹת צִלָּא דִּמְהֵימְנוּתָא** [זאל זיצן אין די סוכה - אין די שאטן פון די הייליגע אמונה]. **וּמַאן דְּלֵיתֵיהּ מִגִּזְעָא וְשׁוֹרְשָׁא קַדִּישָׁא דְּיִשְׂרָאֵל** [אבער ווער עס איז נישט משורש ישראל], **לָא יְתִיב בְּהוּ** [זאל נישט זיצן אין איר], **וְיִפּוּק גַּרְמֵיהּ מִתְּחוֹת צִלָּא דִּמְהֵימְנוּתָא** [ער נעמט זיך ארויס פון אונטער די שאטן פון אמונה].

**דְּכָל מַאן דְּיָתִיב תְּחוֹת צִלָּא דִּמְהֵימְנוּתָא** [ווייל ווער עס זיצט אונטער די שאטן פון אמונה], **אַחֲסִין חֵירוּ לֵיהּ וְלִבְנוֹי לְעָלְמִין** [ירשנ'ט חירות פאר זיך און פאר זיינע קינדער אויף אייביג], **וְאִתְבְּרַךְ בִּרְכָתָא עִלָּאָה, וּמַאן דְּאַפִּיק גַּרְמֵיהּ מִצִּלָּא דִּמְהֵימְנוּתָא, אַחֲסִין גָּלוּתָא לֵיהּ וְלִבְנוֹי** [אבער ווער עס ציט זיך ארויס ירשנ'ט גלות פאר און פאר זיינע קינדער].

**בַּסֻּכֹּת תֵּשְׁבוּ שִׁבְעַת יָמִים וְגוֹ', פִּקּוּדָא דָּא** [די מצוה], **לֵישֵׁב בַּסּוּכָּה. וְהָא אוֹקִימְנָא** [מיר האבן דאך שוין געלערנט], **בְּגִין לְאִתְחֲזָאָה דְּיִשְׂרָאֵל יַתְבֵי בְּרָזָא דִּמְהֵימְנוּתָא** [אז די מצוה קומט צו ווייזן אז אידן זיצן אין די שאטן פון די אמונה], **בְּלָא דְּחִילוּ כְּלָל** [און זיי זיצן דארט באקוועם - אן קיין פחד], **דְּהָא מְקַטְרְגָא אִתְפְּרַשׁ מִנַּיְיהוּ** [ווייל די מקטרגים שיידן זיך אפ פון אים]. **וְכָל מַאן דְּאִיהוּ בְּרָזָא דִּמְהֵימְנוּתָא** [און יעדער וואס איז אין די סוד האמונה], **יָתִיב בַּסּוּכָּה** [זאל זיצן אין די סוכה], **כְּמָה דְּאוֹקִימְנָא** [ווי מיר האבן שוין מבאר געווען], **דִּכְתִיב, כָּל הָאֶזְרָח בְּיִשְׂרָאֵל יֵשְׁבוּ בַּסֻּכֹּת, מַאן דְּאִיהוּ בְּרָזָא דִּמְהֵימְנוּתָא וּמִזַּרְעָא וְשָׁרְשָׁא דְּיִשְׂרָאֵל** [אז ווער עס איז אין סוד פון די אמונה און איז מזרע ושורש ישראל], **יֵשְׁבוּ בַּסֻּכֹּת.**

(זוהר הקדוש פרשת אמור דף קג)

### די סוכה איז מרמז אויף אמונה

כל שבעת הימים אדם עושה סוכתו קבע וביתו ארעי (סוכה כח.) אומר אני; סוכה הוא אמונה, והוא צלא דמהימנותא. אומר אני; כי האדם קודם שמתקן את הז' מדות צריך הוא ללכת רק בדרך אמונה פשוטה, ולא יוכל לילך בדרך אמונה שהיא מצד השכל והדעת. וזה שאמרו במשנה "כל שבעת הימים" היינו כל זמן שהוא בתוך הז' מדות ועדיין לא תקנם, "אדם עושה סוכתו" שהוא האמונה פשוטה קבע, שיהיה אצלו כקביעות, "וביתו" שהוא השכל, על דרך הכתוב "בחכמה יבנה בית" יעשנה ארעי.

(אור ישראל להרה"ק רבי ישראל מסאדיגורא עמוד רמח)

### אז מען איז מקיים די מצוה ווייזט מען אז מען גלייבט אין הקב"ה

ילקוט פרשת אמור כתיב "וסוכה תהיה לצל יומם" כל מי שמקיים מצות סוכה בעולם הזה, הקב"ה מסיך עליו מן המזיקים דכתיב "באברתו יסך לך". וצריך להבין למה דוקא בשביל מצות סוכה, הלא כל המצות מגינים כתריס בפני פורענות? ונראה להבין, הנה "הבוטח בה' חסד יסובבנהו" ומי שאינו מאמין בהשגחה באמת אינו מושגח כדכתיב "ואם תלכו עמי בקרי והלכתי אף אני עמכם" וכו', ופירש הרמב"ם בקרי לשון מקרה, שתאמרו הכל במקרה, אף אני אניח אתכם. וכבר אמור בספרים כי מצות ישיבת סוכה לרמז שאנו חוסים בצל של הקב"ה, ואנו מאמינים שמושגחים אנחנו מאתו יתברך שמו. וזה כונת הילקוט, מי שמקיים מצות סוכה בעולם הזה שבו מראה כי מאמין שהכל בהשגחתו יתברך שמו, הקב"ה סוכך עליו מן המזיקים ולא תאונה עליו רעה.

(כתב סופר על התורה ליקוטים לסוכות)

## א פינטעלע ליכטיגקייט
### אויסצוגן פון שיעורי המשפיעים אין האטליין

אין די ימי התשובה הערט מען אסאך דער אויסדרוק פון 'חזרה בתשובה' אז דער מענטש קומט צוריק צו תשובה.

די אויסדרוק האט מיר אלעמאל געבאדערט. וואו קומט מען צוריק? וואו איז מען געווען אז מען דארף צוריקקומען?

עס איז אויך שווער דער 'צוריק'. די אויסדרוק געבט דיר דער איינדרוק אז בעצם ביסטו אמאל געווען גוט און דו דארפסט צוריקגיין אהין.

אסאך מענטשן זענען קיינמאל נישט געווען גוט. זיי זענען געבוירן מיט שלעכטע מידות.

פון ווען זיי געדענקען זיך איז די שלעכטע מידות מיטגעגאנגען מיט זיי.

אדרבה, אויב זיי טוישן זיך, זענען זיי נייע אידן, נישט די אלטע? עס איז א גוטע קשיא.

אז מען זאל פארשטיין דער אמת לאמיר צוריקגיין צו די שורש פון די טעג. כלל ישראל איז אריבער די טעג געהויבענע טעג. די הייליגע טעג הייבן זיך אן ראש השנה. עס איז דער אנהייב פון די יאר, אבער עס איז אויך דער אנהייב פון די וועלט - אין דעם טאג איז באשאפן געווארן 'אדם הראשון'.

ביים אנהייב פון די בריאה איז דער מענטש געווען ריין, א לויטערע זאך, ער איז געווען איין שטיק צלם אלקים. ער האט געהאט כוחות בלי סוף ובלי גבול, אבער מיט די יארן האט ער אלעס דערלייגט.

ווען מען איז דן א איד אין ראש השנה איז מען אים דן ער זאל זיך דערמאנען ווער ער איז באמת, מען דערמאנט אים אז ער איז א צלם אלקים און אלעס וואס ער דארף טון איז

## א נקודה פון דער וואונדערליכער שיעור פון הרה"צ ר' יהודה מאנדעל שליט"א פון לעיקוואד
### ווער צוריק - ווער דו ביסט באמת

נאר זיך צוריקקערן צו זיך אליין - צו זיין אמת'ע ריינקייט, זיין לויטערקייט.

איך האב געקענט א איד וואס האט זיך נישט געקענט באהעפטן מיט אנדערע מענטשן. ער איז געווען טרוקן. קאלט. ער האט נישט געקענט ארויסגעבן קיין געפילן פאר אנדערע. מען האט געזאגט אויף אים אז ער איז א קאלטער נפש.

די ארומיגע האבן פרובירט אים צו טוישן, אבער עס איז נישט געגאנגען.

איין טאג האט מען געזען ביי אים א שטארקע שינוי. ער האט אנגעהויבן ארויסציווייזן מענטשליכקייט, געפילן, ווארעמקייט. מען האט אים געפרעגט ווי אזוי קען דאס זיין? וואס האט זיך געטוישט? האט ער דערציילט אז א קלוגער איד האט אים אויפגעקלערט אז ער לעבט אין א טעות - אז ער איז בעצם א ווארעמער מענטש און אים איבערגעוויזן אז עס איז אזוי - ביז ער איז געווארן איבערגעצייגט אז ער האט אין זיך ווארעמקייט. "איך האב געמיינט אז איך בין אינגאנצן קאלט - דערווייל בין איך געוואויר געווארן אז איך האב אין מיר יא ווארעמקייט".

דאס איז די תחבולה פון דעם יצר הרע! איינצורעדן דעם מענטש אז ער איז אזא און אזא מענטש און נאכדעם הערט דער איד אויף צו ארבעטן אויף זיך. אין די טעג ארבעט מען עס אויס. מען קומט צוריק צו זיך אליין. די 'חזרה' בתשובה איז צו דער 'זיך' אליין.

מען אנערקענט ווער מען איז באמת, און מען הייבט אן צו דינען הקב"ה מיט אלע כוחות.


# קלינג אריין
# שפיר דעם טעם.

צענדליגע טויזנטע
אידן פון די גאנצע
וועלט
**לעבן א בעסערע און**
**א געשמאקערע לעבן**
אדאנק די השגחה
פרטית ליניע

**זיי דו אויך פון די**
**גליקליכע - מאך**
**דעם טעלעפאן**
**קאלל**
און הייב אן לעבן
א רואיגערע און
באַ'טעמ'טע לעבן פול
מיט מנוחת הנפש און
ישוב הדעת

**פון ארץ ישראל**
+972-30-11-300,
**פון ארה"ב**
151-86-130-140,
**פון אנגליה**
0-330-3900-489,
**פון בלגיה**
0-380-844-28,
**פון ארגנטינה**
398-840-31,
**פון דרום אפריקה**
8755-18-521,
**פון אוקראינה**
380-947-100-633